ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

מאת
כבוד קדושת
אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

**משיחות ש״פ אחרי־קדושים, י״ג אייר ה׳תנש״א**

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים לבריאה
הי׳ תהא שנת פדות
שבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**

## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

נסדר לדפוס ע"י הת' שלום דובער בן חנה והת' מנחם מענדל הלוי בן נחמה דינה פייגא

מ׳האָט מתקן ומשלים געווען די עבודה בעבר כדבעי, אָדער מ׳קען אין דעם נאָך צוגעבן; און מ׳האָט דערביי די הוראה ונתינת כח, אַז אפילו אויב ס׳האָט עפּעס געפעלט איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן און מ׳קען אַלעמאָל מתקן זיין.

ועוד ועיקר — אַז עס זאָלן נתגלה ונתתקן ווערן אַלע ענינים וואָס ווייזן זיך אויס אַז זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער זיינען טאַקע פאַרלאָרן געגאַנגען אין גלות, כולל — פאַרלאָרן למעליותא (זייענדיק למעלה מגדר גילוי) — דער גילוי הקץ וואָס „לבא לפומא לא גליא״[122], און משיח צדקנו, וועלכער קומט „בהיסח הדעת״[123] (כי אם במציאה), שנאמר „מצאתי דוד עבדי״[124] (במזמור פ״ט בתהלים[125]), און דאָס ווערט נתגלה אין דעם מזמור צדי״ק[126] — „ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו״[127], בבית המקדש השלישי, בגאולה האמיתית והשלימה, די גאולה פון אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״.

122) ז״ח בראשית ח, א. מדרש תהלים ט, ב. וראה גם סנהדרין צט, א.

123) סנהדרין צז, סע״א.

124) ראה ב״ר פכ״ט, ג.

125) פסוק כא.

126) ולהעיר שבאות „פ״ף בו נגאלו אבותינו ממצרים שנאמר (שמות ג, טז) פקד פקדתי אתכם [ולהעיר שמשה הי׳ בן פ׳ כשגאל ישראל ממצרים], צ״ץ בו עתיד הקב״ה לגאול את ישראל ולומר להם צמח צמחתי לכם שנאמר (זכרי׳ ו, יב) איש צמח שמו ומתחתיו יצמח ובנה את היכל ה׳״ (פדר״א פמ״ח). ובבמדב״ר ס״פ קרח מביא הכתוב (ירמי׳ כג, ה): והקימותי לדוד צמח צדיק גו׳ (וראה פי׳ הרד״ל לפדר״א שם). וראה ד״ה לך באוה״ת (עדרת, א). תרכ״ז. תר״ל.

127) פסוק טו״ב.



## בס״ד. משיחות ש״פ אחרי־קדושים, י״ג אייר ה׳תנש״א

א. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס עס רעדט זיך לאחרונה[1] וועגן דער גאולה האמיתית והשלימה, אויף וועלכע מען וואַרט בכל יום און מ׳האָפט אַז תבוא בכל יום — ווי דער פסק דין בהלכה אַז מ׳מאַכט אַ נדר ניט טרינקען ווייַן ביום ש־יבוא המשיח טאָר ער ניט טרינקען וויין קיינמאָל ניט[2] — תיכף ומיד ממש, און וועגן די פעולות וואָס יעדער איד דאַרף טאָן צו ברענגען די גאולה — איז פּאַסיק צו אָפּשטעלן זיך מבאר זיין דעם אינ־האַלט פון דער גאולה, וואָס דאָס מאַכט לייכטער צו פאַרשטיין אין וואָס דאַרף באַשטיין די אַרבעט וואָס פאָדערט זיך צו ברענגען די גאולה, און ווי מ׳זאָל זיך צוגרייטן צו דעם מצב הגאולה.

דער אינהאַלט פון יעדער זאַך גיט זיך אַרויס אין זיין נאָמען[3]. אַזוי אויך בנוגע צו דער גאולה — קען מען האָבן אַ באַגריף אין איר תוכן דורך אַריינטראַכטן זיך אין דעם פירוש פון איר נאָמען — „גאולה״.

דער ענין הגאולה ווערט באַצייכנט אין תורה מיט פאַרשידענע אויסשפּראַכן. אָנהויבנדיק פון די ד׳ לשונות של גאולה[4] בכתוב[5]: „והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי״, און דער לשון החמישי — „והבאתי״[6]. וואָס כאָטש אַז די אַלע לשונות האָבן דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון אַרויסגיין פון גלות, איז דאָ אַן עילוי אין דעם לשון „גאולה״; וי״ל אַז צוליב דער מעלה ווערט (יעדע גאולה, ובמיוחד —) די גאולה האמיתית והשלימה אָנגערופן (בפי כל ישראל) מיט דעם נאָמען „גאולה״[7] (סתם)[8] [דוקא די גאולה האחרונה איז די גאולה האמיתית והשלימה (מיט אַ ה״א הידיעה)], ווייבאַלד אַז דער וואָרט (גאולה) גיט אַרויס דעם תוכן פון דער גאולה האמיתית והשלימה.

ב. אין דעם וואָרט „גאולה״ זעט מען אַ דבר פלא: „גאולה״ איז די זעלבע אותיות ווי „גולה״ (גלות) נאָר מיט אַ תוספת אל״ף!

ווי עס שטייט אין מדרש[9] אַז אין דעם

1) שיחות (לעיל [סה״ש תנש״א ח״ב]): כ״ח ניסן (ע׳ 470). ש״פ שמיני (ע׳ 475). ש״פ תזו״מ (ע׳ 490).

2) רמב״ם הל׳ נזירות פ״ד הי״א.

3) ראה שעהיוה״א פ״א. וראה בארוכה בזה תשובות וביאורים (קה״ת, תשל״ד) ס״א*. לקו״ש ח״ו ס״ע 35 ואילך, ובהערות שם. וש״נ.

4) שהם גם ד׳ לשונות של גאולה העתידה (ראה ירושלמי פסחים פ״י ה״א. ד״ה והי׳ אור ה־לבנה תרנ״ד. ד״ה לכן אמור לבנ״י תרנ״ח. תרע״ח.

*) אגרות־קודש כ״ק אדמו״ר שליט״א ח״א ס״ע רפח ואילך. המו״ל.

וראה ספר הליקוטים־דא״ח צ״צ ערך גאולה ס״ג, וש״נ). וראה גם בחיי וארא ו, ח.

5) וארא ו, ו־ז.

6) שם, ח.

7) דאף שכל גאולה (גם גאולה פרטית שאינו „גאולה דגלות . . אלא שיגאלנו מן הצרות כו׳״ „שם גאולה עלה״ (מגילה יז, ב ובפרש״י) — הרי זה חידוש, ומובן (מזה גופא) שעיקר שם גאולה הוא בנוגע ל„גאולה דגלות״ (שלימותה תהי׳ בגאולה האמיתית והשלימה). וכפשטות דברי רבא בגמרא מגילה שם: „גאולה בשביעית . . מתוך שעתידין ליגאל בשביעית לפיכך קבעוה בשביעית״. ורק אח״כ מבאר, ש„מלחמה נמי אתחלתא דגאולה היא״.

8) וכלשון ניגון (חב״ד) הידוע: זאָל שוין זיין די גאולה [כפי שניגנו לפני שיחה זו]. ועוד לשונות וניגונים כיו״ב — ע״פ מנהג ישראל.

9) ויק״ר ס״פ אמור (ספל״ב). שהש״ר פ״ד, א (ז). קה״ר רפ״ד.

וואָרט „גולה" („וגולה על ראשה"[10]) זיינען פאַראַן צוויי פירושים: „תרין אמוראין, חד אמר גולה (לשון גלות) וחד אמר גאולה". וידוע דער ביאור אין דעם[11], אַז „תוספת האלף שעל ידו נעשה מבחי' גולה בחי' גאולה" גייט אויף דער אל"ף פון „אלופו של עולם", וואָס דורך דער עבודה פון אַ אידן אין גלות צו „אַריינשטעלן" (ממשיך און מגלה זיין) דעם אל"ף דער אלופו של עולם אין גלות[12], ווערט פון „גולה" — „גאולה".

ולכאורה אינו מובן: גאולה איז פונקט פאַרקערט פון גלות. איז היתכן אַז (דער וואָרט) גאולה איז אין זיך כולל דעם וואָרט „גולה" (גלות), און נאָכמער: גאולה באַשטייט (און ווערט אויפגעמאַכט) דוקא פון (דעם וואָרט) גולה, ביז אַז רוב ה־אותיות פון „גאולה" זיינען גאָר „גולה"[13], און די הוספה באַשטייט נאָר פון דעם איינציקער אות אל"ף; און אויך דער ראש התיבה[14] (פון גאולה) בלייבט דער גימ"ל פון „גולה"?!

ג. וי"ל דעם ביאור אין דעם:

גאולה איז ניט דער טייטש, אַז דורך אַרויסגיין פון גלות פאַרלאָזט מען דעם לעבן, די פעולות און דער וועלט וואָס איז געווען (פריער) אין גלות. אדרבה: גאולה הייסט, אַז די מציאות וואָס איז פריער געווען פאַרשקלאַפט אין גלות ווערט (ניט בטל ח"ו, נאָר) אויסגעלייזט.

און דער אויפטו ושלימות פון גאולה האמיתית והשלימה איז, אַז אַלץ ווערט אויסגעלייזט. קיינע ענינים בלייבן ניט „פאַרלאָרן" ח"ו אין גלות, מ'וועט קיין זאַך ניט איבערלאָזן אין גלות. אפילו די „נדחים" און „אובדים" (וואָס ווערן אַזוי אָנגערופן אין תורת אמת[15]) — וועלן נגאל ווערן. די גאולה וועט זיין אַן אמת'ע און פולקאָמענע גאולה בכמות ובאיכות פון אַלע זאַכן, פון דעם כלל גדול בהם ביז דעם פרט שבפרט שבהם: יעדער איד און אַלע אידן — „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[16], און אויך חלקם בעולם — „כספם וזהבם אתם"[17], מיט אַלע זייערע פעולות און אויפטועכצן אין גלות. די גאולה וועט אויסלייזן יעדער מענטש און אַלע מענטשן (אויך אומות העולם) און אַלע עניני העולם, און יעדערען בפרט עם כל עניניו.

אַלע (חיוב'דיקע) זאַכן אין גלות פאַרבלייבן אויך ווייטער, נאָר עס ווערט בטל זייער גלות־צושטאַנד: עס ווערט בטל דער העלם והסתר וואָס פאַרדעקט אויף זייער אמת'ע און פנימיות'דיקע מציאות[18], און די פאַרשקלאַפונג צו די דרכי הטבע וגשמיות העולם וואָס קומט דערפון אַרויס.

10) זכרי' ד, ב.

11) לקו"ת בהעלותך לה, ג. וראה גם אוה"ת בא ע' רעג. בהעלותך ס"ע תכג ואילך. נ"ך ע' תקי. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ד.

12) שהרי „בכל מקום שגלו שכינה עמהן . . גלו לבבל שכינה עמהן" (מגילה כט, א) — כפירוש הא' (במדרש שם) ב„וגולה על ראשה", ש„גלה לבבל וגלתה שכינה עמהן", „דהיינו מה שהאלקות הוא מוסתר והעולם נראה יש ודבר נפרד כו'" (לקו"ת שם, א).

13) וגם לא נשתנה הצירוף (סדר האותיות) של „גולה".

14) להעיר ש„לשון נוטריקון מן התורה" (שבת קה, א).

15) ישעי' כז, יג. וראה לקו"ת דרושי ר"ה ס, א. ובכ"מ. סה"מ אידיש ע' 78 ואילך.

16) כמ"ש ביצי"מ (בא י, ט). ו„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (מיכה ז, טו).

17) ישעי' ס, ט.

18) ראה הערה 12.





אַרויס מענטשן בכל העולם כולו, און מען וואַרט אפילו ניט אַז מ'זאָל בעטן הילף.

עד"ז איז אויך ידוע אַז בימים האחרונים איז מנהיג מדינה זו אַרויס מיט אַ הכרזה והוראה מפורטת בנוגע צו חינוך הנוער. בהתאם לזה וואָס בתחלת נשיאותו האָט ער מכריז געווען אַז זיין שאיפה איז צו געדענקט ווערן אַלס דער „עדזשוקיישען (חינוך) פרעזידנעט", צוליב די פעולות ושינויים גדולים לטוב וואָס ער וועט איינפירן צו מחזק זיין דעם חינוך אין דער מדינה.

דער אויפטו אין די לעצטע ערשיינונגען (צווישן אַנדערע) איז פאַרשטאַנדיק בפשטות: הגם אַז באַ אידן איז דאָס קיין חידוש ניט, ווייל באַ זיי איז אַלעמאָל געווען די הנהגה ע"פ התומ"צ, בענין הצדקה וחינוך וכו' — איז דאָס נאָכמער מגלה ווי יש בעה"ב לבירה זו, וואָס דאָס איז דער אמת'ער יסוד אויף צדקה און חינוך [וכמדובר כמ"פ, אַז אמת'ע הצלחה אין חינוך איז תלוי אין דער ידיעה והכרה פון דעם קינד אין דעם בורא עולם ומנהיגו].

וכל זה איז — נוסף צו נאָך כמה ענינים וואָס פאַסירן בהשגחה פרטית מדי יום ביום, סיי בנוגע צו דעם כלל און סיי בנוגע צו יעדערען אין זיינע ענינים פרטיים — און די כוונה בזה, איז אַז דאָס זאָל נאָכמער מגלה זיין ווי וועלט איז מסייע צו מאַכן אַ דירה בתחתונים און ברענגען די גאולה,

[כולל — דאָס וואָס בשבוע האחרון האָט מען געפונען בפינה נידחת בעולם אבנים טובות ומרגליות, ע"י ברכתו של הקב"ה [בדוגמת „והנשאם הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן"[117] (פאַר די בגדי כהונה), אַז די ענינים הביאום[118]], און די כוונה בזה איז — אַז מ'נוצט דאָס אויס אויף קישוטי כלה, מוסיף זיין אין צדקה, כנ"ל].

יד. די מסקנא פון האמור לעיל בנוגע לפועל:

די גאולה קומט דוקא דורך דער עבודה אין גלות, פון מגלה זיין אלופו של עולם אין „גולה", אַזוי אַז דור זה, דער דור האחרון אין גלות, וועט זיין דער דור הראשון פון גאולה.

און דער אויבערשטער העלפט אַז מ'זעט אין די מאורעות האחרונות בעולם ווי די וועלט אַליין איז מסייע און פירט צו דער גאולה.

ובפשטות מיינט דאָס — כנ"ל — אַז יעדער איד דאַרף מוסיף זיין אין „מעשינו ועבודתינו" בכלל וועלכע ברענגט די גאולה, כולל ובמיוחד — ווי גערעדט בהתוועדות שלפנ"ז — אין לימוד התורה בעניני גאולה, אין תושב"כ (וואָס „כל[119] הספרים מלאים[120] בדבר זה"), און תושבע"פ, משנה וגמרא ומדרשים וכו'.

ובזה גופא — דאַרף מען מוסיף ע"פ די הוראה פון פסח שני, אַז „ס'איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן"[121] — צו מאַכן אַ חשבון צדק צי

117) ויקהל לה, כז.

118) ת"י עה"פ.

119) רמב"ם הל' מלכים פי"א ה"ב.

120) ויש לומר הדיוק ב„מלאים" (ש„מלא" ע"פ תורה פירושו — שמלא כולו), שגם הפסוקים ב„כל הספרים" שאינם מדברים (בגלוי) בעניני גאולה, או אפילו שתוכנם הפכי (לכאורה) מענין הגאולה — הרי, לאמיתתו של דבר, תוכנם האמיתי הוא „דבר זה" — ענין הגאולה. וע"י עיון והעמקה בפירוש פסוקים אלו (במפרשים וכו') נראה בגלוי ש„כל הספרים מלאים בדבר זה". ויומתק ע"פ המבואר לעיל, שפנימיות ענין הגלות („גולה") הוא ענין הגאולה, אלא שמגלים זה ע"י גילוי האל"ף דאלופו של עולם בגלות, שעי"ז נעשה מ„גולה" — „גאולה".

121) „היום יום" יד אייר, פסח שני. ס' השיחות תש"א ע' 115.

אַ גאולה פנימית בעבודתם, ביז — אַז זיי זאָלן טאָן די עבודה וואָס וועט ברענגען די גאולה כפשוטה, און דעמולט וועט דער מלכות (של חסד) אויך מסייע זיין אידן צו זיך אומקערן אין ארץ ישראל (בלשון הכתוב[113]: והביאו את כל אחיכם גו').

און בשנה האחרונה זעט מען ווי דער יחס צו אידן איז נתפשט געוואָרן אין נאָך מדינות, ביז אויך במדינה ההיא, וואו עס זיינען (ביז לאחרונה) געווען הגבלות בנוגע צו דער חירות פון אידן בעבודתם בתומ"צ און אויך בנוגע צו זייער אַרויס־גיין ממדינה ההיא — איז זייער יחס איצט־ער איבערגעקערט געוואָרן, אַז זיי לאָזן אידן מקיים זיין תומ"צ, און לאָזן אידן אַרויס פון דאָרט (אָן די הגבלות פון אַמאָל), ואדרבה — זיי זיינען נאָך מסייע די אידן צו פאָרן אין ארץ הקודש. מעין הכנה צו דעם סיוע פון אוה"ע אַז אידן זאָלן אַרויסגיין פון גלות און גיין אין ארץ הקודש בגאולה האמיתית והשלימה.

יג. נוסף צו דעם סיוע ישר פון אוה"ע צו אידן — זיינען אויך דאָ ענינים אין וועלכע מ'זעט ווי אוה"ע אַליין טוען פעו־לות של טוב וחסד, וואָס איז נאָכמער מגלה ווי יש בעה"ב לבירה זו[114], אַלס צו־גרייטונג צו „והיתה לה' המלוכה" בגאולה האמיתית והשלימה,

ניט ווי ס'איז געווען אַמאָל, אַז דוקא עם ישראל (אע"פ וואָס „אתם המעט מכל העמים"[115]), האָט משלים געווען בפועל די כוונה פון דירה בתחתונים, און אחדות פון מלכיות אוה"ע האָבן זיך געפירט באופן אכזרי איינער צום צווייטן, און האָבן זיך בעיקר מתעסק געווען אין תועלת עצמן, אָדער אין כובש זיין אַנדערע מדינות וכיו"ב.

צווישן די ענינים גלויים וואָס זיינען צוגעקומען בימים אלו ממש וואו מ'זעט ווי עולם און אוה"ע גרייטן צו און זיינען מסייע די וועג צו דער גאולה — דורך דעם ענין פון צדקה און חינוך, צוויי יסו־דות עיקריים אין ישובו של עולם, „לשבת יצרה"[116]:

ס'איז ידוע ומפורסם (אין אַלע צייטונ־גען) וועגן די מאורעות בימים האחרונים — אַז די מדינה (וואָס איז מיוסד אויף צדקה וחסד, כידוע) האָט אויסגענוצט איר שטאַרקן כח צו אַרויסהעלפן און ראַטע־ווען מענטשן במקום רחוק בעולם (ווייט אַוועק פון דער מדינה), אע"פ וואָס דורך דעם קומט ניט אַ תועלת ישרה צו תושבי מדינה זו:

די מדינה האָט געשיקט אַ ריבוי מענטשן און אנשי חיל פון איר אַרמיי צו אַרויסהעלפן די פליטים אין יענע ערטער, צוזאַמען מיט עסן און קליידער און רפו־אות. אַנשטאָט נוצן די אוירונים אויף עניני כיבוש, און אַנשטאָט נוצן די עסן און קליידער פאַר די בירגער פון דער מדינה — נוצט מען זיי אויף ראַטעווען אומגליק־לעכע מענטשן, ובפרט קליינע קינדער, פון קעלט, ביז פון היפך החיים.

וואָס דערביי זעט מען די רחמנות פון תושבי מדינה זו: בשעת זיי האָבן געהערט און געזען ווי מענטשן ליידען — איז הגם אַז זיי זיינען ניט זייערע קרובים, און האָבן מיט זיי קיינמאָל קיין שייכות ניט געהאַט — איז די מדינה נתעורר געוואָרן צו זיי העלפן. בהתאם צו דער שיטה פון מדינה זו בעניני צדקה, אַז מ'העלפט

113) ישעי' סו, כ.

114) ראה ב"ר רפל"ט.

115) ואתחנן ז, ז.

116) ישעי' מה, יח.





און ווי דער רמב"ם פסק'נט[19]: „אל יעלה על הלב שבימות המשיח יבטל דבר ממנהגו של עולם או יהי' שם חידוש במע־שה בראשית, אלא עולם כמנהגו נוהג . . אמרו[20] חכמים[21] אין בין העולם הזה ל־ימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד", דער אויפטו וועט דעמולט זיין — אַז „ויחזרו כולם לדת האמת"[22], „ויתקן (משיח) העולם כולו לעבוד את ה' ביחד שנאמר[23] כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה' ולעבדו שכם אחד"[24].

עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס דער וואָרט „גאולה" איז כולל דעם וואָרט „גולה", אָבער — מיט אַ תוספת אל"ף: די גאולה איז ניט מבטל (די עבודה אין) גלות, אדרבה: די גאולה באַשטייט פון אויפהויבן (דעם לעבן אין) „גולה" (דורך אויסלייזן אַלע ענינים פון גלות) און דערפון גופא מאַכן „גאולה" — דורך דעם וואָס מ'איז מגלה אין אַלע ענינים פון „גולה" דעם אל"ף פון אלופו של עולם — מ'נעמט אַראָפּ דעם העלם והסתר אין די עניני גלות וועלכע פאַרדעקט אויף איר אמת'ע מציאות און תכלית, מ'איז מגלה דעם אלופו של עולם שבזה — די תכלית פון אַלע עניני גלות צוליב וועלכער דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן — אַזוי אַז פון „גולה" ווערט „גאולה".

גאולה איז דער גילוי האל"ף (פון אלופו של עולם) אין „גולה" — דער גילוי האמת והפנימיות פון אַלע עניני הגלות, און אַלע פעולות אין זמן הגלות: דער גילוי אלקות אין כל עניני העולם — ווי דאָס איז אַלץ מגלה „כבודו" של הקב"ה (וואָס „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"[25]) — פון אלופו של עולם.

ד. האמור לעיל איז אַ הסברה ווי „גאולה" איז אין זיך כולל „גולה", ווייל די כוונה איז אַז גאולה זאָל אויפהויבן (אויך) דעם גלות. מ'דאַרף אָבער האָבן ביאור: פאַרוואָס איז דאָס (די עלי' פון גולה) אַזאַ ענין עיקרי אין גאולה, ביז אַז אין דעם באַשטייט איר נאָמען „גאולה" (גולה בתוס' אל"ף), וואָס אַ נאָמען באַ־ווייזט אויף מהות הדבר[2]?

נאָכמער: דער אויפטו פון גאולה באַ־שטייט ניט נאָר אין דער עלי' פון די עניני גלות ועניני העולם, נאָר אין דער גאולה (בתקופה השני' — לאחרי התקופה הרא־שונה וועגן וועלכער דער רמב"ם הנ"ל רעדט[26]) וועלן זיך אויפטאָן נייע, גאָר נייע ענינים בשינוי מנהגו של עולם (ביז דעם ענין עיקרי ויסודי פון תחיית ה־מתים[27], וואָס איז אַ חידוש במעשה ברא־שית). איז היתכן אַז דער גאַנצער מצב לעתיד לבוא (אויך דאָס וואָס איז למעלה מעולם וגלות — בתקופה שני') ווערט אָנ־גערופן מיט אַ שם כללי: „גאולה" — „גולה" בתוספת אל"ף?!

19) הל' מלכים פי"ב ה"א. וראה עבוה"ק ח"ב פל"ח.

20) שם ה"ב.

21) ברכות לד, ב. וש"נ.

22) שם ה"א.

23) צפני' ג, ט.

24) רמב"ם שם פי"א ה"ד.

25) אבות ספ"ו.

26) ראה „דבר מלכות" — חידושים וביאורים בהל' מלכים (קה"ת תנש"א) סימן ג (מלקו"ש חכ"ז ע' 191 ואילך). סימן ד (מהדרן על הרמב"ם — נאמר יו"ד שבט תשמ"ז (נדפס בסה"ש תשמ"ז)). וראה גם הדרן על הרמב"ם (משיחות ש"פ לך לך) ש.ז. (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 98 ואילך). ועוד.

27) אחד מי"ג העיקרים (פיה"מ להרמב"ם סנהדרין פ' חלק יסוד הי"ג). ועד שהכופר בזה אין לו חלק לעוה"ב (סנהדרין ר"פ חלק. רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ו).

איז דערפון מובן, אַז כללות הגאולה — אויך די ענינים נעלים שבה — איז פאַרבונדן מיט דער עבודה פון אַריינשטעלן דעם אל״ף פון אלופו של עולם אין „גולה״. ביז אַז דאָס מאַכט אויף די גאולה (אַזוי ווי דער וואָרט „גאולה״ ווערט אויפגעמאַכט פון אותיות „גולה״ בתוס׳ אל״ף), און אַלע עניני גאולה ווערן נמשך און הויבן אויף די „גולה״, כדלקמן.

ה. דער ביאור אין דעם וועט מען פאַרשטיין לויט דער ערשטער משנה אין היינטיגן פרק, פרק שלישי פון פרקי אבות: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה״, און דערנאָך איז די משנה ממשיך אויסרעכנען די „שלשה דברים״ — „דע מאין באת, ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון וכו׳״.

שטעלט זיך די שאלה — מנינא למה לי[28]: וואָס איז דאָ נוגע דער מספר אַז עס זיינען פאַראַן „שלשה דברים״? און אפילו אויב ס׳איז נוגע דער מספר, פאַרוואָס דאַרף עס דער משנה אויסטייטשן, יעדערער קען דאָך אַליין ציילן בהמשך ה־משנה אַז מ׳רעכנט אויס שלשה דברים?

ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם:

דברי המשנה „הסתכל בשלשה דברים״ [וואָס לשון המשנה איז „דבר קצר וכולל ענינים רבים״[29]] מיינט ניט נאָר די דריי זאַכן וועלכע ווערן אויסגערעכנט ווייטער אין משנה, נאָר אויך דער ענין פון „שלשה דברים״ בכלל: די משנה זאָגט אָן אַ הוראה: „הסתכל בשלשה דברים״ — אַ מענטש דאַרף מסתכל זיין (אַ הסתכלות בעיון) אין „שלשה דברים״[30], און דורך דעם „אין אתה בא לידי עבירה״:

איינער קען מיינען אַז ביי אים דאַרפן זיין נאָר צוויי ענינים: ער אַליין און דער אויבערשטער כביכול וועמען ער דינט, „אני נבראתי לשמש את קוני״[31].

זאָגט די משנה — „הסתכל בשלשה דברים״: אַ מענטש דאַרף זיך צוקוקן (מסתכל זיין) און זעען (אַז עס זיינען פאַראַן) „שלשה דברים״: נוסף צו זיין מציאות („אני״) און די מציאות פון דעם אויבערשטן („קוני״) כביכול — איז דאָ אַ דריטע זאַך: די מציאות העולם וועלכע דער אויבערשטער האָט באַשאַפן, און דורך וועלכער אַ איד איז משמש את קונו[32].

די תכלית[33] פון בריאת העולם און פון ירידת הנשמה למטה אין אַ גוף גשמי בעולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו איז — צוליב אויספירן די כוונה פון „נתאווה הקב״ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים״[34], אַז אַ איד דורך זיין עבודה זאָל מברר ומזכך זיין זיין גוף ונפש החיונית און די גשמיות וחומריות העולם, און מאַכן דערפון אַלעס אַ דירה צו דעם אויבערשטן.

וואָס דאָס טוט ער אויף דורך זיין

28) לשון הש״ס — שבת עג, ריש ע״ב. וש״נ.

29) הקדמה לפיה״מ להרמב״ם (ד״ה אח״כ ראה להסתפק).

30) וכיון שלשון המשנה הוא „דבר קצר (וכולל ענינים רבים)״ — אין צריך לפרש מה הם ה„שלשה דברים״.

31) משנה ובריתא סוף קידושין.

32) ראה גם שיחת ש״פ אחו״ק תשמ״ח ס״ט (סה״ש תשמ״ח ח״ב ע׳ 435). ש״פ אמור תשמ״ט ס״ו (סה״ש תשמ״ט ח״ב ס״ע 439 ואילך). ש״פ אחו״ק תש״נ ס״ז (סה״ש ה׳תש״נ ח״ב ע׳ 5־434).

33) בהבא להלן — ראה תניא פל״ו ואילך. ובכ״מ.

34) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב״ר פי״ג, ו.





דאַרף זוכן וועגן ווי צו מגלה זיין אין זיינע עניני עסק וכו׳ „כבודו״ של הקב״ה, און אויסנוצן זיינע געשעפטן און נכסים און פאַרבינדונגען — צו מוסיף זיין אין תורה ומצוות.

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק די הוראה לאידך גיסא — פאַר די וואָס מיינען אַז די עבודה פון גאולה באַשטייט פון ניט האָבן צוטאָן און שולל זיין „מנהגו של עולם״ — אַז אדרבה: די גאולה איז תלוי דוקא אין „מעשינו ועבודתינו״ בזמן ה־גלות[51], און דעריבער דאַרף זיין „הסתכל בשלשה דברים״: די עבודה צו ברענגען גאולה דאַרף באַשטיין אין „שרית עם אלקים ואנשים ותוכל״, צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, און צוגרייטן די וועלט צו דער גאולה — טאַקע אין אַן אופן פון „שרית עם אלקים ואנשים״, מלחמה האָבן מיט דעם העלם והסתר פון עולם, אָבער באופן פון „ותוכל״, „מלכותו ברצון קבלו עליהם״.

אָנהויבנדיק פון חלקו בעולם, דורך מוסיף זיין אין קיום המצוות, מיט דברים גשמיים, כולל ובמיוחד — מצות הצדקה („עיקר המצות מעשיות״), אַז ער נעמט פון זיינע גשמיות און זיינע עשירות (מיט וועלכע דער אויבערשטער בענטשט אים) און העלפט אַ צווייטן, אַז ביים צווייטען זאָל אויך זיין מזון ולבושים, באופן פון „לכבוד ולתפארת״, בהתאם צו „ממלכת כהנים״, ועד״ז העלפט ער אַרויס מוסדות תורה וצדקה וכיו״ב.

און אַזוי אויך אין זיין עבודה בעניני רשות שלו — טוט ער דאָס באופן פון „כל מעשיך לשם שמים״[108] און „בכל דרכיך דעהו״[109].

ועוד וגם זה עיקר — דורך הפצת ה־תורה והיהדות, והפצת המעינות חוצה. כולל ובמיוחד — צו מעורר זיין אידן בכל העולם כולו, אַז זיי זאָלן מוסיף זיין נאָכמער אין לימוד התורה וקיום המצוות,

און אַזוי אויך מפרסם ומגלה זיין בכל העולם כולו „אלופו של עולם״, כולל — דורך משפיע זיין אויף אוה״ע בנוגע צו קיום שבע מצוות בני נח[110], און זיי צוגרייטן צו „והיתה לה׳ המלוכה״[111].

יב. ע״פ הנ״ל, אַז „גאולה״ הויבט אויף די עניני הגלות עצמם (דורך מאַכן פון זיי גופא אַ דירה בתחתונים), ביז אַז דוקא די עבודה אין גלות ברענגט די גאולה, איז פאַרשטאַנדיק, אַז די עניני העולם עצמו און די אוה״ע עצמם (אויך בזמן הגלות) זיינען (באמת) מסייע צו דער עבודה פון ברענגען די גאולה (כנ״ל).

ויש לומר, אַז שטייענדיק בסוף זמן ה־גלות, סמוך צו דער גאולה — קומט אַרויס דער סיוע בגלוי יותר.

ווי מ׳זעט עס אין די דורות האחרונים במיוחד, און נאָכמער — אין דעם זמן ה־אחרון, ובפרט אין די לעצטע טעג ממש:

אין די דורות שלפני זה האָבן (רוב) אידן געלעבט אין מדינות וואו עס זיינען געווען מניעות ועיכובים וכו׳ (לא תקום פעמיים[112]) צו עבודת ה׳ בכלל.

משא״כ בדורות האחרונים — לעבן (רוב) אידן אין מדינות וואו עס הערשט אַ מלכות של חסד, אָנהויבנדיק פון מדינה זו (וואו עס געפינען זיך רוב ומנין ובנין פון אידן), וואָס איז מסייע אידן צו דערגרייכן

108) אבות פ״ב מי״ב. וראה רמב״ם הל׳ דעות ספ״ג. טושו״ע או״ח סרל״א.

109) משלי ג, ו. וראה רמב״ם וטושו״ע שם.

110) כפס״ד הרמב״ם הל׳ מלכים פ״ח ה״י.

111) עובדי׳ בסופו.

112) ל׳ הכתוב — נחום א, ט. וראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 306 הערה 55.

עבודה בעניני רשות וחול, די עבודה בעניני העולם („ליב״ בלע״ז).

ולהוסיף, אַז „ליב״ איז אויך אותיות לב מיט אַ יו״ד באמצע, וואָס איז מרמז אויף לבו של אדם (לב), און די עשר כחות הנפש (י׳), [ובפרטיות יותר שרייבט מען אַמאָל „לייב״ מיט צוויי יו״די׳ן, כנגד די צוויי דרגות בנשמה: יעקב, ישראל[103]], וואָרום די עבודה (פון „ישראל״) פון מאַכן אַ דירה בתחתונים ווערט אויפגעטאָן דורך די עשר כחות הנפש, ווי זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט דעם לבו של אדם — וואָס לב ישראל איז אַלעמאָל בשלימות[104], „אני ישנה ולבי ער״[105]. ועוד י״ל, אַז דער „לב״ וועלכע רינגלען אַרום דעם י׳ — זיינען די ג׳ לבושים פון מחשבה דיבור ומעשה, וועלכע זיינען מקיף די עשר כחות, און ברענגען זיי אַרויס בעבודת האדם בפועל למטה[106].

ויש לקשר זה אויך מיט דעם טאָג פון י״ג אייר: י״ג איז בגימטריא אח״ד, וואָס איז מרמז אויף דער עבודה פון אויפטאָן „והי׳ ה׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד״[107], גילוי מלכותו ית׳ ואחדותו ית׳ בעולם, ביז אין אַן אופן פון „מלכות שבנצח״, כנ״ל (ס״ז).

* * *

יא. ע״פ האמור לעיל האָט מען אַרויס כמה לימודים בנוגע צו דער עבודה פון אידן צו ברענגען די גאולה, און ווי מ׳דאַרף זיך גרייטן צו דער גאולה — שטייענדיק איצטער ממש בסוף זמן הגלות, „גולה״, און האַלטנדיק אָט אָט באַ דער גאולה.

קודם כל — האָט מען אַן ענטפער צו די וואָס וואונדערן זיך און שרעקן זיך דערפון וואָס מ׳שטורעמ׳ט אַז יעדער איד דאַרף טאָן און פועל׳ן אַז די גאולה זאָל קומען תיכף ומיד ממש (און זייענדיק „אָפענע״ מענטשן, דריקן זיי אויס בדיבור זייער וואונדער און דאגה): בשעת משיח וועט באַלד קומען, וואָס וועט זיין — פרעגן זיי — מיט אַלע פעולות און זאַכן וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן במשך כו״כ שנים אין גלות: די געשעפטן וואָס זיי האָבן אויפגעבויט, דער רכוש און נכסים וואָס זיי האָבן געשאַפן, די פריינט און פאַרבינדונגען, סיי צווישן אידן און סיי צווישן אוה״ע, וואָס זיי האָבן באַקומען (ובפרט עסקני ציבור), ועוד כיו״ב?!

איז דער ענטפער אויף דעם, אַז מ׳האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן, וואָרום גאולה איז ניט דער טייטש, אַז עס ווערט בטל כל „מנהגו של עולם״, די גוטע זאַכן וואָס זיינען אויפגעטאָן געוואָרן (ע״פ תורה) אין גלות; אדרבה: גאולה איז אין זיך כולל אַלע ענינים (טובים) פון „גולה״, באופן אַז זיי ווערן אויפגעהויבן צו אַ מצב פון גאולה, צו זייער אמת׳ע מעלה ושלימות — דורך דעם וואָס מ׳איז מגלה אין זיי דעם (אל״ף) אלופו של עולם, די אמת׳ע כוונה ותכלית אין די אַלע פעולות (שבזמן הגלות) — ווי דאָס אַלץ ברענגט אַרויס „כבודו״ של הקב״ה.

ובמילא האָט מען ניט וואָס צו דאגה׳ן וועגן די פעולות — אפילו בעניני רשות — וואָס מ׳האָט אויפגעטאָן (ע״פ תורה) בזמן הגלות. ואדרבה: דערפון האָט מען די הוראה — אַז יעדער בעל עסק וכיו״ב

103) ראה בארוכה לקו״ת דרושים לר״ה סב, ג (וראה גם תו״א משפטים עז, ריש ע״ב). ספר הליקוטים־דא״ח צ״צ ערך יעקב סמ״ד (ע׳ א׳קא ואילך). וש״נ. וראה ברכת י״א ניסן ש.ז. (לעיל [סה״ש תנש״א] ח״א ע׳ 7־416).

104) ראה רמב״ם הל׳ גירושין ספ״ב.

105) שה״ש ה, ב. וראה סה״מ מלוקט ח״ב ע׳ שיט.

106) ראה תניא פ״ד.

107) זכרי׳ יד, ט.





עבודה בגוף למטה בקיום התומ״צ, וואָס (רוב) מצוות נתלבשו בדברים גשמיים[35], און דורך מקיים זיין אַ מצוה מיט אַ דבר גשמי איז מען מברר ומזכך דעם דבר גשמי און מ׳מאַכט דערפון אַ כלי צו אלקות. ווי דורך מצות צדקה [ש„שקולה כנגד כל המצוות״[36], „עיקר המצוות מעשיות ועולה על כולנה״[37]] — אַז אַ איד נעמט „מיגיע כפיו״, פון די גשמיות׳דיקע געלט וואָס ער האָט פאַרדינט, און „נותן חיי נפשו לה׳״[37]. ועד״ז אין אַלע מצוות.

און דער ענין השלישי („הסתכל בשלשה דברים״) צו מאַכן אַ דירה בתחתונים — איז (ניט קיין זייטיקער ענין, נאָר אדרבה: דאָס איז) נוגע צו דער שלימות פון די צוויי (כביכול): דער אויבערשטער און דעם אדם העובד, וואָרום „נתאווה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים״, און „זה כל האדם ותכלית בריאתו וירידתו לעוה״ז להיות לו ית׳ דירה בתחתונים״[38].

ועד כדי כך איז דאָס נוגע צו דעם אדם (ער זאָל זיין „הסתכל בשלשה דברים״) — אַז צוליב דעם איז געווען ירידת נשמתו למטה ע״י הקב״ה: ניט קוקנדיק אויף גודל העילוי פון דער נשמה למעלה, „נשמה[39] שנתת בי טהורה היא״[40] וואו ס׳איז ניטאָ קיין אָרט אויף היפך הטהרה, האָט דער אויבערשטער איר אַראָפּגעשיקט, „אתה[39] בראתה, אתה יצרתה, אתה נפחתה בי״, ביז אין עולם העשי׳ הגשמית, וואו ס׳איז דאָ „את החיים ואת הטוב״[41], און אויך דער דרך השני פון היפך הטהרה (ביז אַז די נשמה דאַרף דאָרט אָנקומען צו שמירה, „ואתה[39] משמרה בקרבי״[42]) — בכדי אויספירן די כוונה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים.

דלכאורה: ירידת הנשמה בגוף איז היפך פון הנהגתו הרגילה של הקב״ה, וואָס ער איז דער מקור ותכלית הטוב והחסד, ומטבע הטוב להטיב[43], ומצד החסד והטוב האָט דאָך שטענדיק געדאַרפט זיין עליות, און דאָ נעמט דער אויבערשטער אַ נשמה און איז איר מוריד למטה, אַ „ירידה גדולה ובחי׳ גלות ממש״[44], „מאיגרא רמה לבירא עמיקתא״[45]!

איז דערפון פאַרשטאַנדיק דער גודל העילוי (והחסד) פון דער עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים, אַז צוליב דעם איז כדאי אַראָפּשיקן די נשמה למטה, ניט צוליב די נשמה עצמה („כי הנשמה עצמה אינה צריכה תיקון כלל״[46]), נאָר צוליב מתקן זיין דעם גוף ונה״ב וחלקו בעולם, בכדי מאַכן אַ דירה בתחתונים. וואָרום דורך דער ירידה ועבודת הנשמה למטה צו מאַכן אַ דירה בתחתונים, ווערט אויפגעטאָן נאָך אַ העכערער ענין ווי עבודת הנשמה עצמה למעלה — דער גילוי פון עצמותו ית׳[47] אין תחתונים.

35) ראה גם תניא פ״ד (ח, ב). אגה״ק ס״י (קיד, סע״ב ואילך).

36) ב״ב ט, א.

37) תניא פל״ז (מח, ב).

38) שם (מט, סע״א).

39) נוסח ברכות השחר.

40) ראה לקו״ת בחוקותי מו, סע״ד ואילך. ר״פ דברים. ובכ״מ.

41) נצבים ל, טו.

42) ראה לקו״ת דברים שם. אוה״ת שמות (כרך ז) ע׳ ב׳תקיח.

43) עמק המלך שער שעשועי המלך רפ״א. שעהיוה״א פ״ד. שומר אמונים ויכוח ב׳ סי׳ יד.

44) כי גם כשיהי׳ צדיק גמור עובד ה׳ ביראה ואהבה רבה בתענוגים לא יגיע למעלות דביקותו בה׳ בדחילו ורחימו בטרם ירידתו לעוה״ז החומרי לא מינה ולא מקצתה כו׳ (תניא שם (מח, סע״א)).

45) ע״פ לשון חז״ל — חגיגה ה, ב.

46) תניא שם (מח, ב).

47) ראה סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ קנא־ג. וש״נ.

ביז אַז דער עילוי ווערט נמשך און אויפגעטאָן אויך אין דער נשמה (שירדה למטה), אַז נוסף צו דעם וואָס די נשמה דערגרייכט צו אַ העכערע דרגא (שלמעלה ממקום שמשם ירדה), דער גילוי התוקף פון דער נשמה, באַקומט די נשמה אויך אַ שייכות צו דעם גילוי פון עצמותו ית׳ וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך (עבודת הנשמה למטה אין מאַכן) דער דירה בתחתונים[48].

עפ״ז איז פאַרשטאַנדיק הוראת המשנה „הסתכל בשלשה דברים״: ניט קוקנדיק אויף דעם גודל העילוי פון דער נשמה פון אַ אידן, „חלק אלוקה ממעל ממש״[49], דאַרף זיין עבודה באַשטיין אין דעם, אַז נוסף לזה וואָס ער מאַכט פון זיך אַליין אַ „דירה״ צום אויבערשטן דורך אַנטפּלעקן זיין נשמה אין זיין גוף הגשמי (דעם עילוי בהנשמה וואָס קומט דורך דעם אַרויס) — זאָל ער אויך זיין „הסתכל בשלשה דברים״, און מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים פון עולם, אַז דער עולם עצמו ווערט אַ דירה צום אויבערשטן.

און דורך דעם דערגרייכט אויך דער אדם עצמו צו זיין שלימות (ווייל „זה כל האדם ותכלית בריאתו כו׳״), און אע״פ וואָס דאָס איז פאַר אים אַ ירידה (בחיצוניות ו)לפי שעה, ווערט דוקא דורך דעם דער עילוי אין אים אַליין — אַז „אין אתה בא לידי עבירה״: דורך זיין עבודה פון מאַכן אַ דירה בתחתונים (הסתכל בשלשה דברים), איז „אין אתה בא לידי עבירה״, אפילו ניט צו „לידי״, די אפשריות צו טאָן אַן עבירה.

ו. ע״פ הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין דער ענין פון „גאולה״ אותיות גולה בתוספת אל״ף:

גאולה איז (ניט מבטל „גולה״, נאָר איז) אין זיך כולל „גולה״, ואדרבה: זי הויבט אויף גולה דורך אַריינשטעלן און מגלה זיין אין איר אלופו של עולם — ווייל די כוונה איז צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, כולל ווי די תחתונים זיינען אין גלות, צו מגלה זיין אלופו של עולם אין תחתונים במצבם ווי זיי שטייען אין גלות.

ואדרבה: אין דעם באַשטייט דער תוכן ומהות פון גאולה [אויך די עניני גאולה שלמעלה מעולם וגלות, דער שינוי במנהגו של עולם, אַזוי ווי תחיית המתים[50]] — „גילוי אור א״ס ב״ה בעוה״ז הגשמי״[51], ביז אַז עס ווערט אַ דירה לו יתברך בתחתונים, לו לעצמותו[52].

און דעריבער איז דער ענין פון גאולה תלוי אין „מעשינו ועבודתינו כל זמן משך הגלות״[51] (גולה), די עבודה פון אַריינשטעלן דעם אל״ף (אלופו של עולם) אין גולה, ביז אַז דורך דעם ווערט אויפגעמאַכט גאולה [רוב האותיות און ראש תיבת גאולה איז — „גולה״, כנ״ל ס״ב].

דאָס הייסט: נוסף לזה וואָס די (עלי׳ גדולה פון דער) גאולה קומט דורך דער ירידה אין גלות [ע״ד גילוי תוקף אור

48) בארוכה ע״ד ב׳ ענינים אלו — ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 246 ואילך. סה״מ מלוקט ח״ב ע׳ שכ. סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ רמג ואילך. ועוד.

49) תניא רפ״ב.

50) כמ״ש בתניא רפל״ז: תכלית השלימות הזה של ימות המשיח ותחיית המתים כו׳ תלוי במעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות״. וי״ל ש„ימות המשיח״ קאי על תקופה הראשונה (שלא „יבטל דבר ממנהגו של עולם״) ו„תחיית המתים״ קאי על תקופה השני׳.

51) ל׳ התניא שם.

52) המשך תרס״ו ס״ע ג. ובכ״מ — נסמנו בסה״מ מלוקט ח״ב ע׳ רמא.





נשמות ישראל זיינען פאַרבונדן מיט תורה שלמעלה מעולם.

וי״ל דעם ביאור אין דעם (אין עבודת ה׳):

לכל לראש דאַרף יעדער איד וויסן אַז ער איז „ישראל״ — זיין מקור ושורש החיות איז פון זיין אות אין תורה, און דעריבער, דאַרף יעדער זאַך וואָס ער טוט זיין מיוסד וע״פ הוראות התורה.

דערצו דאַרף ער וויסן, אַז שלימות עבודתו (אַלס ישראל) באַשטייט אין דעם, אַז ער זונדערט זיך ניט אָפּ פון דער וועלט אַרום אים, נאָר „הסתכל בשלשה דברים״: נוסף צו זיין עבודה מיט זיך אַליין („ישראל״ פאַרבונדן מיט זיין אות בתורה), דאַרף ער טאָן די עבודה פון לעשות לו יתברך דירה בתחתונים — אַלס ישראל דורך אַרויסגיין (צוזאַמען מיט די הוראות התורה) אין וועלט, און האָבן צוטאָן מיט „אלקים״ (מלאך) — די כחות הטבעיים בעולם (כמאחז״ל[97] „אין לך כל עשב ועשב שאין לו מזל ברקיע שמכה אותו ואומר לו גדל״), און „אנשים״, „עשו ולבן״ (אומות העולם) — און דאָרט אויפמאַכן אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן ע״פ די הוראות התורה (פון די יש ששים ריבוא אותיות לתורה), דורך דעם וואָס „שרית עם אלקים ואנשים״, ער איז אַ שר, געוועלטיגט איבער די וועלט און די אוה״ע,

און אין אַן אופן פון „ותוכל״ — אויך מלשון כל און כלול און כליל, אַז זיין עבודה (פון „שרית״) איז ניט דורך מבטל זיין מציאות העולם, אָדער מתגבר זיין אויף עולם בעל־כרחך, נאָר באופן אַז ער נוצט אויס די כחות הטבעיים עצמם אין עבודת ה׳, און פועל׳ט אויף די אוה״ע אַז זיי מצד עצמם זאָלן דינען דעם אויבערשטן, באופן פון „מלכותו ברצון קבלו עליהם״[98], ביז אַז די וועלט אַליין זאָגט אַז „ותוכל״, די וועלט אַליין איז מסייע צו זיין עבודה (כדלקמן סי״ב),

און דורך דעם ווערט „ותוכל״ מלשון כל (אַז מ׳האָט אַלע עניני העולם), און מלשון התכללות — אַז דער איד איז אין זיך כולל כל עניני העולם, און — ער הויבט זיי אויף, ביז אַז עס ווערט אויפגעטאָן דער ענין פון גאולה (וואָס איז כולל „גולה״), דורך המשכת האל״ף פון אלופו של עולם אין „גולה״.

און דורך דער עבודה בבירור וזיכוך העולם ווערט אויך „ותוכל״ מלשון יכולת, אַז עס קומט צו באַ דעם אידן נאָכמער יכולת, כמבואר בכ״מ[99] אַז דורך דער עבודה פון נפש האלקית ווי ער איז זיך מתלבש אין דעם גוף ונה״ב און טוט די עבודה בעולם, קומט אין אים צו כח וחיות ויכולת חדשה, מצד דעם וואָס „רב תבואות בכח שור״[100] (פון נה״ב).

און דער אופן ווי מ׳טוט די עבודה פון „ישראל״ — איז דורך „ארי׳ ליב״: „הוי . . גבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים״[101] (ווי עס שטייט אויך אין ריש ותחלת השולחן ערוך[102]), ער איז זיך מתגבר אויף אַלע העלמות והסתרים בעולם; און נוסף צו דער התגברות שלו בעבודתו בעניני קדושה („ארי״ בלשון הקודש), איז ביי אים דאָ די התגברות אויך אין די

97) ב״ר פ״י, ו. וראה שערי זהר לב״ר שם. וש״נ.

98) נוסח ברכת „אמת ואמונה״ דתפלת ערבית. וראה לעיל [סה״ש תנש״א ח״ב] ע׳ 501. וש״נ.

99) ראה לקו״ת האזינו עה, ב ואילך. ועוד.

100) משלי יד, ד.

101) אבות פ״ה מ״כ.

102) טור או״ח רס״א. שו״ע אדה״ז שם. ובשו״ע המחבר: יתגבר כארי.

פרשה וואָס מ׳האָט געלייענט דעם שבת צוזאַמען מיט פ׳ אחרי] — „קדושים תהיו כי קדוש אני״: זייענדיק אַ נשמה בגוף בעוה״ז הגשמי (וואָס דאָרטן איז שייך דער ציווי פון „קדושים תהיו, „הוו פרו־שים״[81])

— שטייט אַ איד אין אַ מצב של קדושה, ביז די קדושה הכי נעלית פון קדושתו של הקב״ה, כפירוש החסידות[82] אויף דרשת חז״ל[83] „יכול כמוני, ת״ל כי קדוש אני״ — „יכול כמוני״ בניחותא, בדרגת הקדושה פון „קדוש אני״.

י. ויש לקשר כל זה אויך מיט דעם שם בעל היאָרצייט[84] פון י״ג אייר[85] — ישראל ארי־ה ליב.

ובהקדים, אַז אע״פ וואָס דאָס איז לכ־אורה אַ שם פון אַן איש פרטי, האָט דאָס אַ שייכות מיט אַלע אידן[86] (וואָרום אַלע אידן זיינען אַ מציאות אחת, קומה אחת שלימה[87]). ובפרט אַז שמו הראשון איז ישראל — דער שם כללי פון יעדער איד און אַלע אידן [וכידוע[88] אויך אַז נשמת יעקב (וואָס שמו איז ישראל[89]) „כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם״].

וע״פ הוראת אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע הידועה[90], אַז „עניני עבודה שיכולים לקשר בדברי התניא . . מותר לדבר ול־הרחיב בהם הדבור״ (אע״פ וואָס אַזוי איז דאָ די זהירות אין זאָגן פירושים בספר התניא[91]) — איז עד״ז מובן בנדו״ד: כדאי ונכון צו מבאר זיין אַ הוראה פון שם בעל היאָרצייט — בשעת דאָס קען צוגעבן אין יראת שמים און עבודת ה׳.

„ישראל״[92] — דער שם הכללי פון אידן (כנ״ל) — האָט אין זיך צוויי ענינים הפכיים לכאורה: (א) „ישראל״ איז ר״ת „יש ששים ריבוא אותיות לתורה״[93], וואָרום עס זיינען דאָ ששים ריבוא נשמות ישראל כלליים (און יעדערע פון זיי טיילט זיך אויף ששים ריבוא נשמות פרטיים[94]), און יעדע נשמה איז כנגד איין אות פון די ששים ריבוא אותיות לתורה, וואָס דער אות איז זיין מקור החיות כו׳. און (ב) „ישראל״ איז על שם „כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל״[89].

דער ענין פון „שרית עם אלקים וא־נשים ותוכל״ באַווייזט אויף דער עבודה און מלחמה נגד העולם — „עם אלקים״ (שרו ומלאך של עשו[95]), „ואנשים״ (עשו ולבן[96]) — וואָס דאָס איז לכאורה פונקט פאַרקערט פון דעם וואָס „ישראל״ איז ר״ת יש ששים ריבוא אותיות לתורה, ווי

81) פרש״י ר״פ קדושים.

82) ראה מאור עינים עה״פ (מז, ב). אוה״ת עה״פ.

83) ויק״ר עה״פ (פכ״ד, ט).

84) כן נקרא („יאָרצייט״ באידיש) גם בספרים שבלשון הקודש. וגם אצל אחבנ״י הספרדים (שאינם מבינים שפה זו). ולפעמים מוסיפים הפירוש בלה״ק: „יום השנה״.

85) הוו״ח עוסק בצ״צ רב פעלים וכו׳ ישראל ארי׳ ליב, אחיו של — יבלח״ט — כ״ק אדמו״ר שליט״א. נולד ג׳ (?) סיון תרס״ט. נפטר י״ג אייר תשי״ב. המו״ל.

86) ועאכו״כ עם יוצאי חלציו שי׳.

87) לקו״ת ר״פ נצבים. וראה תניא פל״ב (מא, א): כולן מתאימות ואב א׳ לכולנה כו׳.

88) אגה״ק ס״ז.

89) וישלח לב, כט.

90) אגרות־קודש שלו ח״ב ע׳ תשכ. וש״נ. וראה גם ס׳ השיחות תש״ב ס״ע 83 ואילך.

91) ראה במקומות שבהערה הקודמת.

92) ראה גם (באופן אחר) שיחת ש״פ אחרי־קדושים, י״ג אייר תשמ״ה. שיחת פסח שני תשמ״ז.

93) מגלה עמוקות אופן קפו.

94) ראה תניא פל״ז (מח, א).

95) ב״ר פע״ז, ג. פרש״י וישלח לב, כה.

96) פרש״י עה״פ.





הנשמה ע״י ירידתה למטה], ווערט גאולה אויפגעמאַכט פון „גולה״ (בתוס׳ אל״ף עצמה[53] — די דירה לעצמותו ווערט אויפ־געטאָן אין תחתונים עצמם [ע״ד דער עילוי וואָס ווערט אויפגעטאָן אין נשמה דורך דער דירה בתחתונים][54].

* * *

ז. ענין הנ״ל איז נאָכמער אונטער־שטראָכן אין דעם איצטיגען זמן בשנה: (א) ימי הספירה, ובהם עצמם (ב) דער פער־טער שבת פון די „שבע שבתות תמימות״[55] — מלכות שבנצח, (ג) פרשת השבוע — אחרי־קדושים, און די פרשה וואָס מ׳־הויבט אָן לייענען בתפלת המנחה — פ׳ אמור, (ד) י״ג אייר.

די עבודה פון ספירת העומר — דער בירור פון די שבעה מדות (פון נה״ב), עיקר העבודה בזמן הזה (זמן הגלות)[56] — באַשטייט אין דעם, אַז נוסף צו „ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה״[57] — ווערט דורך דעם אויפגעטאָן אויך אין עולם ובכל העולמות: „ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות״[57]. און דורך דעם[58] קומט צו (נאָכמער) אין דער נשמה פון דעם אדם העובד, ווי מ׳איז ממשיך אין דער תפלה (לאחרי „יושפע שפע רב בכל העולמות״): „ולתקן את נפשותינו ורוחו־תינו ונשמותינו מכל סיג ופגם ולטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה״ — ע״ד „אין אתה בא לידי עבירה״ (תיקון ועליית האדם) און די עבודה בעולם.

און דורך דער עבודה פון ספירת העומר — אַריינשטעלן דעם אל״ף אין „גולה״, דורך בירור השבע מדות — ברענגט מען די גאולה, און „יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה במהרה בימינו אמן סלה״ (ווי מ׳זאָגט אין דעם „הרחמן״ תיכף נאָך דער ברכה[59]).

אין די ימי הספירה עצמם — וואָס טיילן זיך בכללות אויף „שבע שבתות תמימות״ [ובפרט בשנה זו, וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן ציילן „ממחרת השבת״[55] כ־פשוטו] שטייט דאָס נאָכמער בהדגשה אין דעם פערטן שבת, ווען מ׳איז מסיים די ספירה פון מדת הנצח, ביז שלימותה — מלכות שבנצח [נאָך דעם סיום פון מדת החסד ביז מלכות שבחסד, מדת הגבורה

53) וזהו הטעם ש„יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא״ (אבות פ״ד מי״ז), מפני המעלה בעבודה „בעולם הזה״ דוקא (גילוי האל״ף ב„גולה״), בעשיית דירה בתחתונים (תענוג בורא), שלמעלה „מכל חיי העולם הבא״ (תענוג נברא), ובעולם הבא יהי׳ גילוי ענין זה למטה (ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 243 ואילך).

54) ולכן שלימות השכר תהי׳ לנשמות בגופים דוקא, בתחיית המתים (לקו״ת צו טו, ג. ובכ״מ (נס־מנו בסה״מ מלוקט ח״ד ע׳ קעז הערה 7)) — כדעת הרמב״ן (בשער הגמול בסופו). ואדרבה: לע״ל תהי׳ הנשמה ניזונית מן הגוף (ראה המשך וככה תרל״ז פצ״א־ב. המשך תרס״ו ע׳ תקכח. ס׳ השיחות תורת שלום ס״ע 127 ואילך. לקו״ש ח״כ ע׳ 44. חכ״א ע׳ 88. ועוד). וראה סה״מ מלוקט ח״ה ע׳ רנ ואילך.

55) אמור כג, טו.

56) ראה בארוכה מאמרי אדהאמ״צ דברים ח״א בתחלתו.

57) נוסח ה„רבונו של עולם״ לאחרי ספה״ע.

58) ועפ״ז י״ל סדר התפלה, שהענין דתיקון „נפשותינו כו״ נאמר לאחרי הענין דהשפעת „שפע רב בכל העולמות״, דלכאורה מקומו שייך לעיל לאחרי שהאדם מתפלל על תיקון עצמו („ואטהר ואתקדש כו״), ורק לאחרי זה צ״ל התפלה ע״ד ההשפעה בעולם? וי״ל, כי הפעולה בעולם מוסיפה בעבודת הנשמה עצמה „לתקן את נפשותינו כו״, כבפנים.

59) כ״ה בסידורו של רבינו הזקן (ובכמה סידורים). וראה לעיל [סה״ש תנש״א] ח״א ע׳ 444 הערה 80.

ביז מלכות שבגבורה און מדת התפארת ביז מלכות שבתפארת] — דער נצחון איבער דעם (העלם והסתר פון) גלות, ביז נצח שבנצח, און הוד שבנצח — די שיינקייט אין דעם נצחון, און יסוד שבנצח — דער יסוד וקביעות פון דעם נצחון, ביז מלכות שבנצח — דער נצחון פון מלכא משיחא בגאולה האמיתית והשלימה.

ח. אָנהויבס פ' אחרי רעדט זיך וועגן עבודת אהרן כהן גדול בקדש הקדשים — „בזאת יבוא אהרן אל הקודש גו'"[60].

אַ מעין ודוגמא צו דעם מצב הגאולה איז — דער כהן גדול אין קדש הקדשים: קדש הקדשים איז דער הייליקסטער אָרט אין דער וועלט. אַן אָרט וואו עס האָט מאיר געווען אלקות בגלוי (אָן העלמות והסתרים). צוזאַמען דערמיט איז דאָס געווען אַ מקום גשמי בעולם הזה, און דער כהן גדול איז דאָרט אַריין אַלס אַ נשמה בגוף [ניט ווי ס'איז געווען באַ נדב ואביהוא, רצוא בלי שוב[61]].

מעין זה איז געווען באַ יעדער כהן, וואָס צוזאַמען דערמיט וואָס „הכהנים הובדלו . . שנאמר[62] ויבדל אהרן להקדישו קדש קדשים"[63] (למעלה מעולם), האָט ער געטאָן זיין עבודה דוקא אַלס נשמה בגוף אין עולם, אַן עולם וואו ס'איז דאָ אַן אָרט אויף היפך הטהרה — און דוקא דאָרטן איז ער מקיים דעם ציווי (בריש פ' אמור) „אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו". וואָס שלימות ענין הטהרה וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה [ומעין הכנה לזה איז אויך דאָ בזמן הגלות, אַז כהנים זיינען נזהר פון ענייני טומאה, וי"ל שזהו גם הכנה צו דער שלימות הטהרה לע"ל[64], כולל דורך דעם וואָס „אמור גו' ואמרת" — „להזהיר גדולים על הקטנים"].

ונוסף צו דער זהירות (להזהיר) פון היפך הטהרה, האָט אַ כהן געדאַרפט טאָן זיין עבודה בביהמ"ק (קדושה) אָנגעטאָן אין די בגדי כהונה, וועלכע זיינען געווען „לכבוד ולתפארת"[65] (שלימות בגשמיות). ועפ"ז יש לבאר, פאַרוואָס אַ כהן ששימש „מחוסר בגדים" איז עבודתו פסולה[66], „בזמן שבגדיהם עליהם כהונתם עליהם, אין בגדיהם עליהם אין כהונתם עליהם"[67] — אע"פ וואָס ענינם[68] פון די בגדי כהונה איז געווען (בעיקר) „לכבוד ולתפארת" (וואָס דאָס איז לכאורה ניט אַזוי נוגע צו דער עצם עבודה)? נאָר שלימות העבודה אין משכן באַשטייט דערפון אַז דאָס זאָל זיין בתכלית השלימות וההידור „לכבוד ולתפארת", אויך בגשמיות כפשוטה — אויפן שענסטן און בכבוד'יסטן אופן בכל ביז — בגשמיות העולם, מ'נוצט אויס פאַר דער עבודה אין קדושה אַלע מעגלעכקייטן פון עוה"ז.

ובשלימות — איז דער ענין הכהונה באַ דעם כהן גדול (וועלכער האָט געטראָגן שמונה בגדים).

ועפ"ז אולי יש לומר הטעם פאַרוואָס

60) טז, ג.

61) ראה לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 496. וש"נ.

62) דה"א כג, יג.

63) רמב"ם הל' כלי המקדש רפ"ד — מפסחים קד, א.

64) כמ"ש (יחזקאל לו, כה) „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם גו'".

65) תצוה כח, ב.

66) משנה זבחים טו, ב. רמב"ם הל' כלי המקדש פ"י ה"ד.

67) זבחים יז, ב. וש"נ. רמב"ם שם. וראה בכ"ז אנציקלופדי' תלמודית ערך בגדי כהונה (ע' שלג). וש"נ.

68) ראה רמב"ן עה"פ (תצוה שם) „ועשית בגדי קדש גו' לכבוד ולתפארת": שיהי' נכבד ומפואר במלבושים נכבדים ומפוארים. ואכ"מ.





דער כהן גדול דאַרף זיין „גדול מאחיו . . בעושר"[69] — ווייל די שלימות הקדושה פון כהן גדול איז פאַרבונדן דערמיט אַז דאָס ווערט נמשך מיט שלימות בכל ביז אין גשמיות העולם (עושר).

וע"פ המבואר אין מדרש (עה"פ „בזאת יבוא אהרן")[70] „בכל שעה שהוא (הכהן גדול) רוצה ליכנס יכנס רק שיכנס בסדר הזה" („בזאת") — יש לומר, אַז מקומו האמיתי פון דעם כהן גדול איז אין (דרגת) קדש הקדשים, און אַזוי וועט זיין בגלוי בגאולה האמיתית והשלימה ווען עס וועט זיין שלימות האדם והעולם וביטול כל ענינים הפכיים (משא"כ לפני זה איז מען ניט קיין כלי אויף דעם „בכל שעה"). וואָס דעמולט וועט זיין די שלימות הגילוי פון המשכת קדושה בגלוי למטה (אין בית המקדש השלישי), אַ דירה לו יתברך בתחתונים, כנ"ל.

ט. אַזוי ווי אַלע עניני תורה (מלשון הוראה[71]), איז אין דעם אויך דאָ אַ הוראה פאַר יעדער איד:

אַלע אידן זיינען „ממלכת כהנים"[72], „כהנים גדולים"[73], ובגלוי ובשלימות וועט עס זיין בגאולה האמיתית והשלימה[74]. ובמילא האָט יעדער איד אַ שייכות — אַלס נשמה בגוף — צו דער קדושה פון קדש הקדשים (שלימות הקדושה). וכפס"ד הרמב"ם[75] „לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש . . אשר נדבה רוחו אותו . . ה"ז נתקדש קדש קדשים כו'".

וע"פ מדרש הנ"ל, אַז „בכל שעה שהוא רוצה ליכנס יכנס", י"ל אַז יעדער איד האָט בכח (ווי ער שטייט למטה אַ נשמה בגוף) צו זיין בדרגת „קדש הקדשים", וי"ל אַז אַזוי וועט זיין בפועל לעתיד לבוא.

[ויומתק ע"פ דער סיפור אין נביאים[76], אַז בזמן הסכנה האָט יהושבע באַהאַלטן יואש'ן (וואָס ער איז געווען מזרע הממלכה) און מניקתו „בחדר המטות"[77], „בעליית בית קדשי הקדשים"[78], „ויהי אתה בית ה' מתחבא שש שנים גו'"[79]. וואָס דערפון איז מובן, אַז זייענדיק אין קדש הקדשים האָט ער דאָרט געהאַט אַלע זיינע צרכים גשמיים: אכילה ושתי' ושינה[80]. ויש לומר, ווייל באמיתית הדברים איז מקומו פון יעדער איד אין קדש הקדשים (ווי עס וועט זיין בגלוי בגאולה האמיתית והשלימה). נאָר דאָס איז נתגלה געוואָרן בפועל — דורך דער ירידה (סכנה), ע"ד ווי דער עילוי הגאולה קומט דורך דער עבודה אין „גולה"].

ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון דעם ציווי (ונתינת כח) בהתחלת פ' קדושים [די

69) יומא יח, א. וש"נ. רמב"ם שם רפ"ה.

70) ויק"ר פכ"א, ז. ועוד.

71) ראה רד"ק לתהלים יט, ח. ס' השרשים שלו ערך ירה. גו"א ר"פ בראשית (בשם הרד"ק). וראה זח"ג נג, ב.

72) יתרו יט, ו. וראה זבחים יט, רע"א (בהמשך להסוגיא ע"ד בגדי כהונה): „זימנא חדא הוה קאימנא קמי' דאיזגדר מלכא והוה מדלי לי המיינאי ותיתיי' ניהלי' ואמר לי ממלכת כהנים וגוי קדוש כתיב בכו'", „וצריכין אתם לנהוג עצמכם בתפארת של כהנים" (פרש"י שם).

73) ראה בעה"ט עה"פ. וראה גם אגדת בראשית פרק עט (פ). — וי"ל השייכות ד„ממלכת כהנים" ל„כהנים גדולים", כי כהן גדול הוא מלך שבכהנים, „ראש לכל הכהנים" (ל' הרמב"ם שם פ"ד הי"ב).

74) ראה בעה"ט שם: ולעתיד לבוא תחזור להם כו'.

75) הל' שמיטה ויובל בסופן.

76) מלכים־ב יא, א ואילך. דברי הימים־ב כב, יא ואילך.

77) מלכים שם, ב. דה"י שם.

78) פרש"י עה"פ.

79) מלכים שם, ג. דה"י שם, יב.

80) וראה גם שיחת ליל ד' דחג הסוכות שנה זו.